אַן איגרתל פון ווילנע

רחל מרגלית, 86, קען ניט קומען אין איר היימשטאָט ווילנע, ווייל זי האָט געקעמפט קעגן די נאַציס...

די באַקאַנטע געלערנטע, וואָס איז איצט 86 יאָר, קען ניט קומען אין איר היימשטאָט ווילנע ווייל די ליטווינער פּראָקוראָרן סטראַשען קעגן איר „אויספאָרשונגען” פאַרן זיין אַ פּאַרטיזאַנער

• פון **הירשע=דוד כ״ץ**

רחל מרגלית בעת אַן אַרויספאָר אין טראָק, ניט ווייט פון ווילנע, פאַראַיאָרן....

שוין אַ קיימא=לן פון צוואַנציק יאָר, דאָס הייסט פון זינט ס׳האָט זיך גענומען צוזאַמענפאַלן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס ס׳קומען זומערצייט צו פאָרן אין ווילנע אידן פון אַלע עקן וועלן, מערסטנטייל אַזעלכע וואָס כאָטש טייל פון זייערע משפחות זיינען אָפּשטאַמיקע פון דיאָ מקומות.

צווישן די צענטראַלע פּערזענלעכקייטן וואָס איז דאָ אַלעמאָל געווען זיי אַלעמען צו דערציילן וועגן חורבן ליטא איז ד״ר רחל מרגלית, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע (אין אָקטאָבער 1921), איז געווען אין ווילנער געטאָ, איז אַנטלאָפן אין פּאַרטיזאַנקע בכדי העלדיש צו קעמפן קעגן די נאַציס.

רחל מרגלית רעדט אַ שיינעם אַמאָליקן ווילנער אידיש, וואָס ווערט אָבער אַרויסגעבראַכט מיט די טענער פון אַ לאַנגיאָריקן פּראָפעסאָר וואָס גיט איבער פּאָרזיכטיק, ריכטיק, דורכגעטראַכטערהייט. דאָס איז אפשר ניט קיין חידוש, העכער פערציק יאָר האָט זי געלערנט אויפן ווילנער אוניווערסיטעט נאָך דער מלחמה.

אַז רחל האָט עולה געווען אין ארץ ישראל אין 1994 צו לעבן ניט ווייט פון איר טאָכטער, האָט זי זיך אַלע יאָר אומגעקערט קיין ווילנע מיטצואַרבעטן אינעם „גרינעם הויז”, אין חורבן=מוזיי וואָס זי האָט סוף אַכציקער יאָרן געהאָלפן בויען. הייסט דאָס, אַז צום סעזאָן פון די זומערדיקע קורסן און די אַלע באַזוכער און געסט איז זי געווען אין ווילנע פּונקט ווי פריער, קיין שום חילוק ניט. אַז מיר פלעגט אַלע יאָר דערזען רחלען, ווי זי פירט אַ גרופּע אידישע באַזוכער אַרום די אַמאָליקע אידישע געסלעך פון ווילנע, פלעגט מען זאָגן: „שאַט, רחל איז דאָ, אַ סימן אַז ס׳איז געקומען דער זומער!”

אין דער זעלביקער צייט איז געוואָרן אַ שם=דבר רחל מרגליתעס שטרענגקייט: פראַגן פונעם עולם דאַרפן זיין צו דער זאַך, זיי דאַרפן ווערן קורץ און קלאָר אויסגעדריקט, דאָס איז אַ לעקטאָר וואָס האָט ניט קיין צייט אויף גלאַט פלוידערייען. צי זי האָט געהאַלטן אַ לעקציע איבער ביאָלאָגיע פאַר סטודענטן, צי זי האָט דערציילט וועגן ווילנער געטאָ און דעם אומקום פון איר פאָלק און משפחה בעתן חורבן, איז עס ניט קיין יריד, ניט קיין לית=דין ולית=דיין, ניין, ס׳מוז אויפגעהיט ווערן די פולע מאָס פּראָפעסיאָנאַליזם און דרך=ארץ צו דער זאַך. ווען איינער פרעגט אַ פראַגע, דאַרפן אַלע אַנדערע צושווייגן און זיך צוהערן ווי ביי די אומות העולם. טאַקע ווי ס׳איז ביי אַ ליטוואַק דער דין...

אינגער ווערט מען ניט. פונדעסטוועגן האָט מען נישקשה באַמערקט, אַז ווען רחל מרגלית דערציילט די זומערדיקע סטודענטן און באַזוכער וועגן געטאָ, און וועגן קאַמף קעגן די דייטשן, האַלט זי זיך גענוי ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן: יעדן וואָרט אויסגעמאָסטן און אַקוראַט, שטייענדיק גלייך ווי אַ סטרונע, און מיט אַ הילכיקן קול וואָס מ׳קען הערן ביז ווייט=ווייט.

האַיאָר איז זי אָבער ניטאָ. ניטאָ ד״ר רחל מרגלית אין ווילנע. און ס׳איז אַן אָנגעווייטיקטער פאַרלוסט פאַר יעדן וואָס וויל זיך נאָך צולערנען די געשיכטע פון ווילנער געטאָ און די פּאַרטיזאַנער, פאַר יעדן וואָס וויל געוואָר ווערן וועגן אומקום פון ליטווישן אידנטום.

פאַרוואָס איז זי ניטאָ? ניט פאַרדערפאַר וואָס זי אַליין האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט. נאָר פאַרדערפאַר וואָס, לא יאומן כי ידובר, אין 2008 האָבן די ליטווינער פּראָקוראָרן (בלע״ז: „פּראָסעקיוטאָרס”), זיך „צוהערנדיק” צו די פאָדערונגען פון אַנטיסעמיטישע צייטונגען, גענומען „זוכן” ניט נאַצי=קאָלאַבאָראַטאָרן (וועמען זיי פוילן זיך גראַדע אונטער נאָכצולויפן...) נאָר וואָס דען: אידן פון דער שארית הפליטה, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די געטאָס און זיינען אַוועק אין וואַלד קעמפן מיט די פּאַרטיזאַנער קעגן די נאַציס.

דעם 29טן יאַנואַר איז דערשינען דער אַנטיסעמיטישער אַרטיקל וואו די מחברטע כאַפּט זיך אָן ווי אַ וועוורעק אַן אַ נוס, אין איין זאַץ אין רחל מרגליתעס אייגענעם בוך מעמואַרן, „אַ ביסל ליכט אין דער פינצטערניש”, וואָס איז דערשינען אויף רוסיש אין ווילנע אין 2006. אין זאַץ דערציילט זיך וועגן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער (אידן און ניט=אידן אינאיינעם) וואָס זיינען אַוועק קעמפן מיט באַוואָפנטע נאַצי=כוחות וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אַ דאָרף. פאַר די ליטווינער פּראָקוראָרן איז דאָס געווען גענוג. דעם 5טן מאַי זיינען צוויי פּאָליציאַנטן געקומען איר זוכן אויף איר פאַררעגיסטרירטן אַדרעס אין ווילנע. נאָר רחל איז געווען אין רחובות...

אפשר נאָך ערגער: מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר בוך זכרונות אַנדערע נעמען פון אידישע פּאַרטיזאַנער; ד.ה. מען קומט נוצן איר בוך זכרונות ווי אַ שטר=קטיגור קעגן אַנדערע אידישע פּאַרטיזאַנער וואָס זיינען מיט נסים געבליבן לעבן.

אינצווישן האָט זיך אויפגערודערט די וועלט מיט דער אומגלייבלעכער מעשה, ווי אַזוי די ליטווינער מלוכה=לייט, אָנשטאָט זיך צו אַנטשולדיקן פאַרן מאַסיוון אָנטייל אין דער אויסשעכטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג (מער ווי 95% ליטווישע אידן זיינען אומגעקומען), און וואָס איז אַזוי ניט=פאַראינטערעסירט אין משפּטן נאַצי=קאָלאַבאָראַטאָרן, האָט מיטאַמאָל „צוגענומען אַזאַ ענערגיע” צו טשעפּענען זיך צו אידישע פּאַרטיזאַנער, אַקעגן וועלכע זיי האָבן ניט אַרויסגעהויבן קיין איינאיינציקע ספּעציפישע טענה אָדער קלאַגע, אַחוץ וואָס זיי זיינען אידן, און אָנשטאָט דערהרגעט צו ווערן, זיינען זיי אַוועק אין די וועלדער קעמפן מיטן שונא און זיינען געבליבן לעבן.

אין אַ טוץ צייטונגען האָט מען שוין געשריבן וועגן דער „פּרשת הפּאַרטיזאַנים”. אָדאָ ניט לאַנג, דעם ערשטן אויגוסט האָבן דריי קאָנגרעסלייט אין וואַשינגטאָן — פּאָול האָודס, ראָבערט וועקסלער (פּאָרזיצער פון דער סוב=קאָמיטעט פאַר אייראָפּע) און האַוערד בערמאַן, פּאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר אויסלענדישע ענינים — געשריבן אַ פּראָטעסט בריוו צום פּרעמיער מיניסטער פון ליטע. דאָרטן שרייבט זיך: „עס איז קעגן יעדן שמץ פון געוויסן, אַז מען זאָל אויסנוצן אירע אויטאָביאָגראַפישע ווערק קעגן איר אַליין און אַנדערע פּאַרטיזאַנער”. און זיי באַמערקן צודערצו, אַז: „פרוי מרגלית האָט געהאָלפן גרינדן דעם חורבן=מוזיי אין ווילנע, וועמענס שליחות עס איז אויסצושולן דעם עולם וועגן דעם חורבן אין ליטע. אין 1994 האָט זיך זיך אַריבערגעצויגן אין ישראל נאָר זי איז אַלע יאָר צוריקגעפאָרן זומערצייט אין ליטע צו געבן טורן פון ‚גרינעם הויז׳ אינעם הויפּט סעזאָן. צום באַדויערן וועט פרוי מרגלית דעם זומער ניט קענען פאָרן אין ליטע ווייל זי וואָלט ווערן אַן אָביעקט פון האַראַסירונג און אינטימידאַציע און פון דער אָנגייענדיקער דעפאַמאַציע אין דער מעדיאַ אין ליטע”.

זאָל מען למען ה׳ אַרויסהייבן לטובה: אַ לענגערע צייט האָט זיך קיינער ניט פאַראינטערעסירט מיט דעם וואָס די ליטווינער מלוכה „טשעפּעט זיך” צו אידישע פּאַרטיזאַנער, ביז וואַנעט דער ענין איז ניט געקומען צום אַרבעטס=טיש פון ד״ר אפרים זוראָף, אַ יליד ברוקלין, וואָס לעבט שוין לאַנגע יאָר אין ארץ ישראל וואו ער איז דירעקטאָר פון דעם ישראלדיקן צווייג פונעם שמעון וויזענטאַל צענטער. ד״ר זוראָף, אַ רודף=הנאַצים און אוהב השארית הפליטה אידן, האָט עקשנותדיק געאַרבעט ביז וואַנעט דער „דזשערוסאַלעם פּאָסט” האָט דעם ענין פאַרעפנטלעכט און דערנאָכדעם אַנדערע צייטונגען. דערצו האָט ער פערזענלעך געבראַכט צו טראָגן אַ פּראָטעסט=בריוו צום אַמבאַסאַדאָר פון ליטע אין ישראל און עס איר דערלאַנגט אין האַנט אַריין. זאָל לעבן און געזונט זיין אפרים זוראָף, וועמען מיר באַגריסן צו זיין אָקערשט ווערן אַ בן שיים, עמו״ש!

רחל מרגלית אין ווילנע אין 1939

עס איז אויך מן השמים וואָס צוויי שוועסטערקינדער פון רחל מרגלית, מאַרדזשאָרי מרגלית אין אַמעריקע און באָד מרגלית אין לאָנדאָן, בויען אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג לטובת דער זעקס=און=אַכציק יאָריקער רחל מרגלית און אַרבעטן פאַרדערפאַר בלב ונפש ממש.

רחל מרגלית איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע אין אָקטאָבער 1921 אין אַן אינטעליגענטער משפּחה. איר טאַטע, שמואל=ניסן מרגלית=גאָרדאָן, איז געווען אַ באַקאַנטער דאָקטער אין שטאָט, אַ ספּעציאַליסט אויף רענטגען („עקס=רעיס”). אין ווילנע האָט מען אים געהאַלטן פאַרן בעסטן ספּעציאַליסט אויף דעם געביט.

רחל האָט געהאַט אויך אַ רוסישן נאָמען „ראַיאַ”, נאָר אַלס גאָר קליינינקע מיידעלע, האָט זיך עס ביי איר באַקומען, לכל הפּחות אין די אויערן פון די אַרומיקע: „ליאַלאַ”, און דער נאָמען „ליאַלע” אָדער „ליאַלקע” איז ביי איר עד היום פאַרבליבן ביי די נאָענטע און אייגענע אַלס אַ צונאָמען.

זי האָט זיל מיידלוויז געלערנט אין פּוילישע און אידישע שולן און זיך אויסגעצייכנט ווי אַ שילערין. פאַר דער מלחמה האָט מען איר אָנגענומען שטודירן מעדיצין אין פראַנקרייך, אין מאָנפּעליע. עס איז אָבער ניט געווען באַשערט.

ווען די נאַציס האָבן אַלע אידן אָנהייב סעפּטעמבער 1941 פאַרשפּאַרט אין איינער פון די צוויי געטאָס וואָס מ׳האָט געמאַכט אין ווילנע, האָט מען איר אַוועקגעגעבן אַ קריסטלעכע משפּחה, מען זאָל איר ראַטעווען.

עס איז אָבער ניט געווען אין ליאַלקע מרגליתעס כאַראַקטער „געראַטעוועט” צו ווערן. זי איז פרייוויליק אַוועק אין ווילנער געטאָ, זיין אינאיינעם מיט איר ברודער יוסף, מיטן טאַטן, שמואל=ניסן, און מיט דער מאַמע, אסתר (עמאַ). זיין אינאיינעם מיט איר פאָלק.

רחל מרגלית האָט זיך אָנגעשלאָסן אינעם „עף פּע אָ” (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע) און האָט אָנטיילגענומען אינעם אומגלייבלעך באַהאַרצטן קאַמף פון די אידישע פּאַרטיזאַנער קעגן דער דעמאָלטיקער אייראָפּעאישער אייבערמאַכט פון די דייטשן, אין ווילנער געטאָ גופא.

ניט לאַנג פאַר דעם ווי מ׳האָט די געטאָ פאַרניכטעט, איז זי אַוועק אין וואַלד זיך אָנשליסן אָן די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט ביז וואַנעט די סאָוועטישע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון ווילנער געגנט אין יולי 1944.

צוליב דעם וואָס די דייטשן האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין ערשטקלאַסיקע דאָקטוירים, האָט מען געלאָזן ביים לעבן רחלס טאַטן, ד״ר מרגלית=גאָרדאָן, און די משפּחה: די מאַמע מיטן ברודער, אויך נאָכדעם ווי מען האָט ליקווידירט די ווילנער געטאָ דעם 23טן סעפּטעמבער 1943 (רחל אַליין איז שוין געווען אַנטלאָפן אין וואַלד).

נאָר וואָס, אַז די דייטשן האָבן געהאַלטן ביים אַנטלאָפן ווערן פון דער דערנענטערנדיקער סאָוועטישער אַרמיי, דעם 5טן יולי 1944, האָבן דיי רחלס טאַטן (ער איז געווען 52 יאָר אַלט), די מאַמע (45 יאָר) און איר ברודער (אַ זעכצן יאָריקער בחור), געשאָסן אויפן מאַסן=קבר פּאָנאַר. רחל האָט דאָרטן אין שפּעטערע יאָרן אויפגעשטעלט פאַר זיי אַ סימבאָלישע מצבה.

נאָך דער מלחמה איז רחל אַוועק שטודירן ביאָלאָגיע אויפן ווילנער אוניווערסיטעט. זי האָט זיך אויסגעצייכנט און מ׳האָט איר געהאַלטן אַלס פאָרשער און לערער, און זי האָט אויסגעענדיקט איר דאָקטאָראַט אויפן געביט. זי האָט אָפּגעאַרבעט מער ווי פערציק יאָר אין אוניווערסיטעט. צודערצו האָט זי זיך אויסגעלערנט פּערפעקט די ליטווישע שפּראַך וואָס מ׳האָט אין ווילנע פאַר דער מלחמה ניט גערעדט (די צוויי הויפּט=שפּראַכן אין דער שטאָט זיינען געווען פּויליש און אידיש, און אַ סך האָבן געקענט רוסיש, ווייסרוסיש און אַנדערע שכנותדיקע שפּראַכן).

סוף אַכציקער יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געהאַלטן אין צוזאַמענפאַלן דער סאָוועטנפאַרבאַנד, און דער קאָמוניסטישער טעראָר איז נישט=געוואָרן, האָט מען גענומען בויען אַ נייעם אידישן מוזיי אין ווילנע. די אָפּטיילונג וואָס האָט צו טאָן מיטן חורבן (בלע״ז האָלאָקאָוסט) געפינט זיך אין אַ באַשיידענער הילצערנער שטוב וואָס איז פון דרויסן אָפּגעפאַרבט גרין. רופט מען עס: „דאָס גרינע הויז” (אין ווילנער אידיש כמנהג ליטאַ: „די גרינע הויז”).

דאָס גרינע הויז איז זייער שווער צו געפינען: אויף אַ בערגל צום סוף פון אַן אַרויפפאָר פון גאַס; לעבן גאַס איז דאָ אַ פּיצינקע שילדל, אַז דאָ טרעפט מען אַ אידישן מוזיי. מען באַדאַרף האָבן אַ זעלטענע יונגע ראיה דאָס צו זען, אַפּנים אַז די מלוכה וויל ניט מ׳זאָל עס זייער לייכט קענען געפינען.

דאָס קליינע, באַשיידענע גרינע הויז, איז אָבער דער איינאונאיינציקער אָרט אין גאַנץ ליטע וואו עס ווערט אויפגעוויזן דער אמת וועגן חורבן: ווי אַזוי זייער אַ סך ליטווינער האָבן פרייוויליק געפייניקט און געשאָסן זייערע אידישע שכנים, ווערנדיק אַזוי אַרום היטלערס „געטרייע אויספירער” אין דער ליטע. פּונקט פאַרקערט, אינעם גרויסן „גענאָציד צענטער” אינמיטן שטאָט, וועט איר אַפילו ניט טרעפן אַזאַ וואָרט ווי „פּאָנאַר”, און עס ווערן קוים דערמאָנט אידן. עס איז אַ מוזיי וועמענס הויפּט=ציל איז פּשוט אָפּצולייקענען דעם חורבן.

נאָכן אַ קוק טאָן דאָרטן, זעט מען וויפל מען האָט צו פאַרדאַנקען דעם גרינעם הויז, וואָס עס האָבן מיט זייער האָרעוואַניע און טאַלאַנט, מיט זייערע אייגענע זכרונות און לעבנס=דערפאַרונגען, אויפגעבויט עטלעכע איבערגעגעבענע אידישע פרויען. אונדזער רחל (ליאַלקע מרגלית) האָט ניט נאָר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביים אויפשטעלן די עצם עקספּאָנאַטן, זי האָט אויך בשותפות מיט אַנדערע פון דער שארית הפליטה, גענומען פאָדערן מ׳זאָל אויפשטעלן שילדן אויף די גאַסן פון דער געוועזענער ווילנער געטאָ, עס זאָל פאַר דער אייביקייט פאַרצייכנט ווערן כאָטש טייל פון די געשעענישן.

דאָס גרינע הויז ווערט אָנגעפירט ביז צום היינטיקן טאָג פון נאָך איינער פון די גרינדערינס: רחל קאָסטאַניאַן דאַנציג, וועלכע איז ביי היינטיקן טאָג די „שומרת האמת” פון דער אידישער ווילנע: אַ הויך=טאַלאַנטירטע קעמפערין פאַרן אמת אויף וועמענס פּלייציעס עס איז ביי היינטיקן טאָג געבליבן ליגן דער גאַנצער עול האמת, זאָל זי נאָר געזונט און שטאַרק זיין. וועגן רחל קאָסטאַניאַן דאַנציג וועט נאָך מירצעשעם אויסקומען צושיקן אין „זשורנאַל” אַן איגרתל.

אין די ניינציקער יאָרן, האָט רחל מרגלית גענומען פאָרשן אין די שטאָטישע אַרכיוון בכדי צו געפינען וואָס מער מאַטעריאַל פאַר דעם נייעם מוזיי אין ווילנע, פאַרן באַשיידענעם גרינעם הויז.

פאָרזעצונג אויף זייט צען

האַיאָר: רחל מרגלית שטייט לעבן דער געדונגענער שטיבעלע וואו זי לעבט זיך איינע אַליין אין רחובות. זי קען מער ניט פאָרן קיין ווילנע ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן ווייל די ליטווינער פּראָקוראָרן סטראַשען קעגן איר „אויספאָרשונגען” פאַרדערפאַר וואָס זי האָט זיך געראַטעוועט פון ווילנער געטאָ און איז אַוועק קעמפן אין די וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנער קעגן די נאַציס.